STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03020

ZUN IBER ALTS

Meyer Ziml Tkatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דו איבער אלץ

לידער פון מ. טקאטש

צעשינסקיס פארלאג
שיקאגא

ביכער פון זעלבן אויטאָר:

„אויף גאָט'ס באַראָט"
לידער און פאַבלען, 1927.

„דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל"
לידער און פאַבלען פאַר קליין און גרויס, 1933.

M. CESHINSKY, *Publisher*
2720 W. Division Street • Chicago, Ill.

פאַרלאַג צעשינסקי
שיקאַגאָ — 1936

פאָדערבלאַט געצייכנט פון מ. ציפּאָרין

602

טריאָלעטן

אַ הימן

זון איבער אַלץ האָב איך הויך אויפגעהויבן,
גלויב איך אין זיג, ווי ישוע בן נון,
און עס פאַרגייט ניט די זון פון מיין גלויבן.
זון איבער אַלץ האָב איך הויך אויפגעהויבן,
קוק איך אויף אַלץ, ווי דורך ליכטיקע שויבן,
זינג איך צו אַלץ, וואָס איז אונטער דער זון:
זון איבער אַלץ האָב איך הויך אויפגעהויבן,
גלויב איך אין זיג, ווי ישוע בן נון.

בליענדיקע יאָרן

געבענטשטער פרידן, בליענדיקע יאָרן,
ווען ס'איז די פרייד אַ דאָרנלאָזע קווייט
און ס'איז די לייד אַ בליענדיקער דאָרן.
געבענטשטער פרידן, בליענדיקע יאָרן,
ווען ס'לעבן מאָלט האַרמאָנישע אוזאָרן
פון קווייט און דאָרן אויף איין בונטער בייט.
געבענטשטער פרידן, בליענדיקע יאָרן,
ווען ס'איז די פרייד אַ דאָרנלאָזע קווייט.

אַ זון מיט אַ רעגן

א זון מיט א רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי בעטן זיך איבער אין טרערן פון גליק
און שעמעוודיק שמייכלען, ווי פיינט אין באדויער.
א זון מיט א רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי וועלבן אין פרידן א פארביקן טויער,
א צייכן — דער קריג וועט ניט קומען צוריק.
א זון מיט א רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי בעטן זיך איבער אין טרערן פון גליק.

די פרייד, ווי די זון

זי אנטפלעקט זיך אין שיין, זי פארהילט איר געזיכט,
נאָר די פרייד, ווי די זון, לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס,
גיי איך, ווי א פלאנעט, אינם קרייז פון איר ליכט.
זי אנטפלעקט זיך אין שיין, זי פארהילט איר געזיכט,
נאָר זי ציט אלעמאָל און זי גיט גלייכגעוויכט,
גיי איך זיכער אין שאָטן, איך ווייס — כ'וועל ארויס:
זי אנטפלעקט זיך אין שיין, זי פארהילט איר געזיכט,
נאָר די פרייד, ווי די זון, לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס.

גוט און אומעטיק

גוט און אומעטיק ביז טרערן,
שיכור בין איך פון מיין פיין,
ווי פון ווייַן, וואָס טרינקט זיך גערן.
גוט און אומעטיק ביז טרערן,
אויף מיין פיבערהאפטן שטערן
ברענען דערנער מיט א שיין . . .
גוט און אומעטיק ביז טרערן,
שיכור בין איך פון מיין פיין.

א פרייד איבער אלץ

די זון איבער אַלץ, איבער ליכט, איבער שאָטן
געזען פון אַ בארג־שפּיץ, וואָס איך האָב באַשטיגן,
האָט מיט אַן אַנטפּלעקונג פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם:
ס'איז זון איבער אַלץ, איבער ליכט, איבער שאָטן;
מיין פרייד פון דאָס זיין אין דער זון איז געראָטן,
אַ פרייד איבער אַלץ, איבער ווײַ, פאַרגעניגן,
ווי זון איבער אַלץ, איבער ליכט, איבער שאָטן
געזען פון אַ באַרג־שפּיץ וואָס איך האָב באַשטיגן.

אַ וואָר

מיין פרייד וואָלט בלויז געווען אַ שיינער ליגן,
ווען איך וואָלט ניט געבוירן זי איןליידן,
ווען איך וואָלט זי ניט זויגן און ניט וויגן.
נאָר ס׳איז מיין פרייד אַ וואָר און ניט קיין ליגן,
ווען כ׳זינג אַ מוטערס גליקלאַך־שטילן ניגון,
ווען כ׳ווייס דעם פריד פון ענדלאָכע באַשיידן,
דאָך וואָלט מיין פרייד געווען אַ שיינער ליגן,
ווען איך וואָלט ניט געבוירן זי אין ליידן.

איך ווייס

איך ווייס אַ טרויער, וואָס איז זיס, ווי פרייד,
איך ווייס אַ פרייד, וואָס איז פון טרויער טיפער,
און כ׳ווייס אַ טיפקייט הינטער קלאָרע רייד.
איך ווייס אַ טרויער, וואָס איז זיס, ווי פרייד,
איך ווייס אַ זיסקייט פון זיין רייף און גרייט,
אַ ביינקשאַפט נאָך דעם לעצטן איבערשיפער . . .
איך ווייס אַ טרויער, וואָס איז זיס, ווי פרייד,
איך ווייס אַ פרייד, וואָס איז פון טרויער טיפער.

אויך אין מיט פון לײדן

אויך אין מיט פון לײדן בליט די בונטע פרייד,
ווי אַ קווייט אַ ווילדע צווישן דערנער,
נאָר דער בלינדער קאָן די דערנער, ניט די קווייט.
אויך אין מיט פון לײדן בליט די בונטע פרייד,
נאָר דער בלינדער שטייט אין לײדן איינגעדרייט,
ווי אַ הירש געפאַנגען פאַר די הערנער,
דאָך אין מיט פון לײדן בליט די בונטע פרייד,
ווי אַ קווייט אַ ווילדע צווישן דערנער.

דער בוים

ערשט נעכטן אונטער לאַסט פון אײַז
האָט בוים געסקרוכעט איינגעבויגן —
אַ ווייסער קרעכצנדיקער גרייז.
ערשט נעכטן אונטער לאַסט פון אײַז
און היינט, ווי קרעלן בייטשנווייז,
שוין קנאָספּן האָט ער אָנגעצויגן.
ערשט נעכטן אונטער לאַסט פון אײַז
האָט בוים געסקרוכעט איינגעבויגן.

אין הילעניש

גאָט שפּילט מיט זיינע קינדער,
ער הילט זיך ערגעץ איין:
געפינט מיך דעם פאַרשווינדער!
גאָט שפּילט מיט זיינע קינדער,
איך זוך אים, ווי אַ בלינדער:
וואו ביזטו, גאָט, מיין שיין?
גאָט שפּילט מיט זיינע קינדער,
ער הילט זיך ערגעץ איין.

האָפנונג

מיין האָפנונג פינקלט, ווי ביינאַכט אַ שטערן,
אויף וועמען ס'האָט די זון אַ שטראַל געלאָזן,
און ס'לייכט דער גלויבן, גלייך ווי אַ לאַמטערן.
מיין האָפנונג פינקלט, ווי ביינאַכט אַ שטערן,
די ביינקשאַפט וואַשט די אויגן מיט די טרערן,
ווי אָוונט־ראָסע די פאַרשטויבטע גראָזן.
מיין האָפנונג פינקלט, ווי ביינאַכט אַ שטערן,
אויף וועמען ס'האָט די זון אַ שטראַל געלאָזן.

פרילינג

א שעמעוודיקער קומט צוריק דער פרילינג
צו דער עגונה, דער פאַרלאָזטער וועלט
און ברייינגט די פרייד, פון בייַנקשאַפט די דערפילונג.
א שעמעוודיקער קומט צוריק דער פרילינג,
די לוסט, וואָס האָט געווינטערט אין פאַרהילונג,
דערוואַרימט פון זיין ליבשאַפט רוישט און קוועלט.
א שעמעוודיקער קומט צוריק דער פרילינג
צו דער עגונה, דער פאַרלאָזטער וועלט.

ס׳האָט זיך געלוינט

די פרילינג־זון לויכט אויף, ווי אַן אַנטפּלעקונג,
אַנטקעגן גליקלאַך־איבעראַשטן טייך,
וואָס איז אין יואוש געלעגן אָן באַוועגונג.
די פרילינג־זון לויכט אויף, ווי אַן אַנטפּלעקונג,
און ס׳טאַנצט דער טייך אין עקזאַלטירטער רעגונג.
וואָס איז דער יאוש־גליוועער אין פאַרגלייך
מיט אָט דער זון, וואָס לויכט, ווי אַן אַנטפּלעקונג,
אַנטקעגן גליקלאַך־איבעראַשטן טייך!

ווי א קלוגע מוטער

די זון פאַרגייט און ווידער גייט זי אויף
מיט דער געטריישאַפט פון אַ קלוגער מוטער,
וואָס לאָזט דאָס קינד צו ביינקען אין זיין שלאָף.
די זון פאַרגייט און ווידער גייט זי אויף.
דאָס קינד אין שיידונג יאָמערט אויף דער שטראָף,
די מוטער לערנט קינד זאָל זיין אַ גוטער.
די זון פאַרגייט און ווידער גייט זי אויף
מיט דער געטריישאַפט פון אַ קלוגער מוטער.

דער מאָרגן-שטערן

דער מאָרגן־שטערן איז מבשר גליק,
די פייגל פרייען זיך: די זון קומט ווידער!
און ס'קלאַפּט צום טאַקט מיין האַרץ: זי קומט צוריק.
דער מאָרגן־שטערן איז מבשר גליק,
און, ווי דער מאָרגן־שטערן, שטראַלט מיין בליק
און, ווי די פייגל, זינגען מיינע לידער.
דער מאָרגן־שטערן איז מבשר גליק,
די פייגל פרייען זיך: די זון קומט ווידער!

אז וואויל די קינדער

אַז וואויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואַך
פאַר ליכט און שאָטן, ווי אַ וואַסער־שפּיגל,
און נעמען אויף מיט ציטער יעדע זאַך.
אַז וואויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואַך,
און לאַכן פיל, און שפּילן זיך אַ־סך,
און אַז זיי וויינען, טרייסט זיי לאָם און ציגל.
אַז וואויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואַך
פאַר ליכט און שאָטן, ווי אַ וואַסער־שפּיגל.

אומדאַנקבאַרע

אומדאַנקבאַרע צו אַלע דיינע גנאָדן,
זיי עסן אָן אַ ברכה טעגלאַך ברויט
און בענטשן ניט דיין פולן טיש, דעם באָדן.
אומדאַנקבאַרע צו אַלע דיינע גנאָדן,
זיי מורמלען נאָך, ווי אויף אַ דינסט אַן אדון, —
הער אויף זיי דינען און באַשטראָף מיט נויט!
אומדאַנקבאַרע צו אַלע דיינע גנאָדן,
זיי עסן אָן אַ ברכה טעגלאַך ברויט.

א נעבעט

שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אז שלייפן זאָלן זיי די טעמפּע זעל,
ווי ס'שלייפט א שארפשטיין א פארזשאווערט מעסער.
שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אז בלאַנקען זאָל די זעל און שפּיגלען גרעסער
די פרייד, ווען זי וועט ווידער אויפגיין העל.
שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אז שלייפן זאָלן זיי די טעמפּע זעל.

דיינקער

דיינקער זיינען זיי און דיינקען,
נאָר זיי דיינקען ניט גענוג,
זיי, וואָס בלויז דאָס שלעכטס געדיינקען.
דיינקער זיינען זיי און דיינקען,
לאָזן זיסע טרויבן היינגען,
קוועטשן זויערע אין קרוג.
דיינקער זיינען זיי און דיינקען,
נאָר זיי דיינקען ניט גענוג.

צו די ווײנער

ווײנט ניט, ווײנער, ווי צעלאָזטע קינדער,
ווײנט און קלאָגט אײך אויף די בלינדע אויגן,
ווי א נײגעבוירן קינד א בלינדער.
ווײנט ניט, ווײנער, ווי צעלאָזטע קינדער,
ווײנט אין תשובה, ווי פאַרשעמטע זינדער,
פאַר דעם חסד פון א רעגן־בויגן.
ווײנט ניט ווײנער, ווי צעלאָזטע קינדער,
ווײנט און קלאָגט אײך אויף די בלינדע אויגן.

נאָך האָט זיך גאָט . . .

נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זײן באַשאַף א תיקון
און גראָבט אין מענטשן פאַר זײן דורשט א ברונען.
נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
נאָך װעלן מענטשן שטראַלן, ווי די זונען,
מיט בלויזע אויגן גאָט דערבליקן.
נאָך האָט זיך גאָט אינגאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זײן באַשאַף א תיקון.

ווי דער אָסיען

אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן, ווי דער אָסיען,
אויף אַ היסב־בעט פֿון גאַרבן.
אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן רייך מיט פאַרבן,
בונט מיט פרוכט און זאַט גענאָסן.
אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן, ווי דער אָסיען.

לערער

דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן וועט מיך לערנען שטאַרבן
און גאָט — צו שלימות אייביק שטרעבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
די ליבע — גאָט זיך איבערגעבן
אין וואַקסן, בליען און אין דאַרבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן וועט מיך לערנען שטאַרבן.

ווײַס

זיי מאָלן טויט מיט פֿאַרבן שוואַרצע,
איך וועל אים מאָלן ווײַס
מיט ווערטער, ווי די שנייען, צאַרטע.
זיי מאָלן טויט מיט פֿאַרבן שוואַרצע . . .
דער גאָט, וואָס לעבט בײַ מיר אין האַרצן,
וועט לעבן איבערנײַס.
זיי מאָלן טויט מיט פֿאַרבן שוואַרצע,
איך וועל אים מאָלן ווײַס.

אינטים

איך וועל אינטים זײַן מיטן טויט,
אַזוי ווי מיט דעם לעבן,
און וועל אים פֿילן הויט צו הויט.
איך וועל אינטים זײַן מיטן טויט,
ווי צו אַ נאָענטן, וואָס מען טרויט,
אַ שמייכל וועל איך געבן.
איך וועל אינטים זײַן מיטן טויט,
אַזוי ווי מיט דעם לעבן.

חתן-כלה

ווי אַ חתן שיקט דער טויט מיר אַפּטע גרוסן:
„ניט פאַרגעס מיך, ביסט פאַרקנאַסט צו מיר“.
און איך נעם זיי אָפּ מיט טרערן און מיט קושן.
ווי אַ חתן שיקט דער טויט מיר אַפּטע גרוסן,
ווי אַ כלה אין די חתונה־מלבושים,
זיץ איך פאַרן שפּיגל, היט די טיר.
ווי אַ חתן שיקט דער טויט מיר אַפּטע גרוסן:
„ניט פאַרגעס מיך, ביסט פאַרקנאַסט צו מיר“.

ניט קום נאָך

ניט קום נאָך, טויט, באַשערטער ליבער דו,
איך בין ניט ראוי נאָך דו זאָלסט מיך נעמען
צו טיילן דיין געלעגער און דיין רו.
ניט קום נאָך, טויט, באַשערטער ליבער דו,
איך הייליק זיך, איך גרייט פאַר דיר זיך צו
איך זאָל אין מיידל־שרעק דיך ניט פאַרשעמען.
ניט קום נאָך, טויט, באַשערטער ליבער דו,
איך בין ניט ראוי נאָך דו זאָלסט מיך נעמען.

באַהעפטונג

דער טויט וועט מיך באַשלאָפן, ווי אַ בתולה,
אין זיסן קראַמף וועט קאַרטשען זיך דאָס לייב,
אַז שליסן וועלן זיך די אויגן דולע.
דער טויט וועט מיך באַשלאָפן, ווי אַ בתולה,
און ברייננגען מיר פון תאווה די גאולה,
איך וועל זיך ציען — אַ געזעטיקט ווייב.
דער טויט וועט מיך באַשלאָפן, ווי אַ בתולה,
מיט זיסן קראַמף באַרוהיקן מיין לייב.

אַריבער דעם טויט

פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן,
נאָך לייגגער פון געביין געווערט דער גייסט,
וואָס לייזט זיך אויף אין קלאַנגען און אין פאַרבן.
פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן.
אַז וואויל דעם גייסט, וואָס שמייכלט פאַרן שטאַרבן, —
דעם טויט אַריבער האָט ער שוין געשפרייזט.
פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן,
נאָך לייגגער פון געביין געווערט דער גייסט.

ניט פאַרשניטן

איך האָב אין ליבשאַפט אָפּגעגעבן זיך צום לעבן
און ס'לעבן האָט באַפּרוכפּערט מיינע לידער,
וואָס איך האָב זיי צוריק, ווי קינדער, אים געגעבן.
איך האָב אין ליבשאַפט אָפּגעגעבן זיך צום לעבן,
מעג איבער מיר דער שאָטן פונם טויט שוין שוועבן, —
איך וועל אין מיינע קינדער לעבן ווידער.
איך האָב אין ליבשאַפט אָפּגעגעבן זיך צום לעבן
און ס'לעבן האָט באַפּרוכפּערט מיינע לידער.

ווערטער פון אַ ליד

ווי לאַמעד־וואָוון, פּראָסטע ווערטער פון אַ ליד
פאַרשטויבטע גרויען אין המון, ווי אַלע,
באַקענטע ניטדערקענטע אויפן וואָרט־יאַריד.
און פּלוצלינג אָט די פּראָסטע ווערטער פון אַ ליד
צעזינגען זיך, ווי שלום־אַשעס תהילים־ייד,
און ווערן, ווי די הייליקע, נתגלה,
און מיט די יום־טובדיקע ווערטער פון אַ ליד,
ווי פייערלאַכע חסידים, זינגען אַלע.

ליד איז ברויט

ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
אויף ביידע מאַך אַ ברכה
און, ווי די הענט, וואָס דיין געמיט.
ווען ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
דער זשאַר פון יום־טוב לעשט זיך ניט
אין אַש פון אינדערוואָכן.
ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
אויף ביידע מאַך אַ ברכה.

ווי אַ פּאַסטוך

ווי אַ פּאַסטוך, פּיטער איך די לידער
אויף די בערג און טאָלן פון מיין וועלט
און מיט זיי צוזאַמען שטייג און נידער.
ווי אַ פּאַסטוך, פּיטער איך די לידער,
די, וואָס בלאָנדזשען, ברייננג איך צו די ברידער
און די קראַנקע הייל איך אין מיין געצלט.
ווי אַ פּאַסטוך, פּיטער איך די לידער
אויף די בערג און טאָלן פון מיין וועלט.

בלויז אין פרידן

אין פרידן בלויז די לידער מיינע ווײַלן,
ווי רויך פון אָנגענומענע קרבנות,
וואָס הויבט זיך אויף אין שטילע ווײַסע זײַלן.
אין פרידן בלויז די לידער מיינע ווײַלן,
נאָר ווען די ווינטן אין מלחמה אײַלן,
פאַרשטויסן זיי די האַרציקע מתנות.
אין פרידן בלויז די לידער מיינע ווײַלן,
ווי רויך פון אָנגענומענע קרבנות.

מיין תפילה־ליד

ווי רויך פון קרבן שטיל זיך ציט
און שפּרייט פאַר גאָט אַ נחת־ריח,
הויכט שטיל מיין ווייסע תפילה־ליד.
ווי רויך פון קרבן שטיל זי ציט,
נאָר ברענען ברענט דאָס האַרץ און זידט,
ווי אויפן פייער פון מזבח,
ווען רויך פון קרבן שטיל זיך ציט
און שפּרייט פאַר גאָט אַ נחת־ריח.

אין גרויסע הויז

איין גרויסע הויז

איך ווארף דעם וואנדער־שטעקן
און שטויב מיר אָפּ די שיך.
ווי נאַט, אין אַלע עקן
אַן אַרטיקער בין איך.

האָב שטויב גענוג געשטויסן,
איך גיי ניט מער אַרויס.
ס'איז גאָר ניטאָ קיין דרויסן,
נאָר בלויז איין גרויסע הויז.

דאָס צימערל דאָס קלענסטע
איז גרויס גענוג פאַר מיר,
גאָט זע איך פון מיין פענצטער,
די שכנים — פון מיין טיר.

ווי צוויי, וואָס אָטעמען מיט איין געמיט

אַראָפּגעצויגן פון די פּיס די שיך,
האָב איך מיט פאָרכט אין שטוב פאַר גאָט געקניט,
ווייל גאָט איז דריי מאָל הייליק, — וואָס בין איך,
וואָס אָטעם מיטן הויך פון זיין געמיט?

האָט גאָט אַראָפּגעצויגן אויך די שיך
און האָט אַליין אין שטוב פאַר מיר געקניט,
ווייל דריי מאָל הייליק, גלייך ווי ער, בין איך,
אַ הויך אַ געטלאַכער פון זיין געמיט.

און ביידע האָבן מיר אַזוי אָן שיך —
איך פאַר גאָט און גאָט פאַר מיר — געקניט,
ווייל דריי מאָל הייליק זיינען גאָט און איך,
דער אָטעם און דער הויך פון איין געמיט.

ביז ס'האָבן זיך אויף אונדז פאַרקוקט די שיך
און איינע פאַר די אַנדערע געקניט,
אַז נאַריש האָט דערפילט זיך גאָט און איך
און זיך צעלאַכט מיט אַ באַפרייט געמיט.

פון דאַמאָלט זינט דער מעשה מיט די שיך
פאַר גאָט אַ גלייכער שטיי איך ניט־געקניט;
ער איז אינטים, און היימיש־פריי בין איך,
ווי צוויי, וואָס אָטעמען מיט איין געמיט.

אַ וואונדער בין איך אויך

די שטערן פינקלען היימיש,
ווי פייער־פליגן הי.
מיך שרעקט ניט קיין געהיימניש,
איך שטיי ניט אויף די קני.

די פייער־פליגן ווימלען,
ווי שטערן דאָרט, אינטים.
דאָ הי און אויף די הימלען
איז גאָט, און איך מיט אים.

אויף שטערן און אויף פליגן
די שכינה שטראַלט אַלצײַנס.
אין שוים פון שעפער ליגן
ביינאַנד דאָס גרויס און קליינס.

ס'איז גאָרנישט ניט, באַזונדער,
אַלץ אָטעמט מיט גאָט'ס הויך,
און אויב ס'איז גאָט אַ וואונדער,
אַ וואונדער בין איך אויך.

רעד צו בוימער

„רעד צו בוימער, רעד צו שטיינער,
„נאר דו, טרוימער איינזאַליינער.
„מענטשן זיינען טויטע ביינער,
„דיינע לידער הערט ניט קיינער.

שמייכלט טרוימער צו דעם ווײנער:
„טרוימער איז ניט איינזאַליינער,
„טרוימער רעדט צו בוימער, שטיינער
„און באַלעבט די טויטע ביינער.

דער געטרייסטער וואַלד

דער וואַלד האָט זיך געטרייסט פון רעגן
און איינגעשלאָפן זיס.
דאָס טייכל מורמלט אין די ברעגן —
א קאָץ בא זיינע פיס.

דער ווינט, זיין וויגער, רוט א מידער,
ווי בא דער וויג אַן אַם,
און ס'לעקט די זון אים אויס די גלידער
מילד, ווי א שעפס איר לאַם.

פאַר דעם אַליין

אַ הימל בלוי און ריין
און וואָלקנס ווייס, געלייטערט.
שוין בלויז פאַר דעם אַליין
איז גוט צו לעבן ווייטער.

אַ ליבע מילדע זון,
אַ צאַרטער ווינט, אַ ווייכער,
און וואָס ס'האָט ווײ־געטון
איז בלויז אַ זיסער זכר.

אַ שאָטן פון אַ בוים,
אַ פלוידערן פון בלעטער,
און ווידער ווינגט מיין טרוים
די האָפענונג אויף שפּעטער.

פרייד

ווי ס'בלעזלט זיך א רעגן אויף א וואסער־פלאך,
די פרייד אין מיר רוישט וועסנעדיק, געשמאַק און גוט.
די פולע אָדערן, ווי רינעס פון א דאך,
פולסירן פיבערהאַפט מיט מיין צעהוליעט בלוט.

איך בראָדזשע אום אין פרייד, ווי ס'בראָדזשעט אום א קינד
אין טומלדיקע ריטשקאלאך פון רעגן־גאַס.
און פרעגט וואָס איז די גדולה אויף מיין קאָפּ אצינד,
איז ווייס איך ניט און וויסן וויל איך ניט פאַרוואָס.

דאָס ליד פון זונענשיין

די ליבע זון איז אויפגעלייגט,
זי שמייכלט נאָכאַנאַנד,
זי האָט אויף מיר ארויפגעלייגט
איר בענטשנדיקע האַנט.

די שטראַלן אירע וואַרימען,
פאַרשיכורן, ווי וויין.
איך זינג צו אַלץ און אַלעמען
דאָס ליד פון זונענשיין.

מיין האַרץ — אַ הויז אָן אָפּענע.
דורך טיר און פענצטער ווייט
מיט לופטיק־פרישער האָפענונג,
מיט זוניק־העלער פרייד.

איך דריק מיט הענט פאַרקאַשערטע
די הענט פון פריינט און פיינט,
מיט אויגן אויסגעכשרטע
בלויז יום־טוב זע איך היינט.

כ׳בין, ווי די זון, היינט אויפגעלייגט
און כ׳שמייכל נאָכאַנאַנד,
זי האָט אויף מיר ארויפגעלייגט
איר בענטשנדיקע האַנט.

פֿאַרװאַנדלונג

און װעט דער יאוש װילד פֿון פּײַן
מיט קרעציק־קראַנקע לענדן
אין טעמפּל פֿון מײַן פֿרײד אַרײַן
צו לעסטערן און שענדן,
װעט פֿרײד אַ הײליקע אין שײַן
אים, װי די זון, פֿאַרבלענדן.

און בלײַבן װעט ער פֿלוצלינג שטײן —
אַ חיה פֿאַר אַ פֿײַער —
און װײנען װעט ער דאָס געװײן
פֿון חשך אין דער חיה,
פֿון שרעק אין קינד, װאָס קומט צוגײן
אין העלער װעלט אין נײַער.

נאָר, װי דורך רעגן לאַכט די זון,
װעט לאַכן פֿרײד אין פּנים
און טאַנצן װעט זײַן בלוט דערפֿון,
װי נאָכן רעגן — שטראָמען,
און פֿרײד װעט רופֿן אים: „מײַן זון,
התלהבות איז דײַן נאָמען”.

אין גאָרטן

די שטערן פינקלען אויף אפיר די וואָלקנס,
ווי אויגן פריידיקע נאָך א געוויין.
איך האָב אין שטאָט אַן עלנטער געבלאָנקעט
און דאָ אין גאָרטן בין איך ניט אליין.

א בוים מיט בוימער וואַקס איך דאָ צוזאַמען,
מיט גאָט איניינעם גיי איך אויף שפּאַציר.
ווי ס'קומט א קינד זיך טרייסטן צו זיין מאַמען,
געקומען איז, נאַטור, דיין זון צו דיר.

מיט הענט געהויבענע די בוימער בענטשן
אי גאָט, אי מיך, אי פראָש, אי פייערפליג.
דאָס טייכל רעדט, נאָר מוסרט ניט, ווי מענטשן,
דאָס טייכל זינגט, ווי צו א קינד אין וויג.

און דאָרטן קעגן שטערן, קעגן וואָלקנס,
ווי העלמס, טורמס בלאַנקן קאַלט מיט שפּאַט.
איך האָב אין שטאָט אַן עלנטער געבלאָנקעט
און דאָ אין גאָרטן גיי איך אום מיט גאָט.

אָפּשייד

מיט אַ פייערלאַכן פּנים
צום פאַרזאַמלטן אַרום
אויפן שוועל פון מערב שטעלט זיך
די פאַרגייענדיקע זון.

הויבט זי אויף די הענט און דוכנט,
פינגער פעכערדיק צעשפּרייט,
און זי גיט דער וועלט איר ברכה,
און זי שיידט זיך, און פאַרגייט.

שטיל מיט פייערלאַכן אָפּשיי
שטייט נאָך לאַנג די וועלט אַרום
און עס דוכט זיך, אַז זי טרויערט
אויפן אָפּשייד פון דער זון.

פרידן

זיי מיר, ווי א זיידע, פרידן,
נעם מיך אויף דיין שויס,
ווי אן אייניקל א מידן
נאָך א טאָג פון רויש.

זיידע איז שוין זאַט מיט יאָרן,
ווייסט ער וואָס איז רו ;
אייניקל איז מאַט געוואָרן,
טוליעט ער זיך צו.

זיידעס קאָפּ איז איינגעבויגן
צו דעם קינד אין טרייסט,
אייניקל מאַכט צו די אויגן,
שמייכלט אויסגעלייזט.

רוען ביידע, שטילע ביידע,
דער קאַמין גייט אויס . . .
פרידן, זיי מיר, ווי א זיידע,
נעם מיך אויף דיין שויס.

שלאָף

ווי אַ כמורנער שווערער הימל,
האָב איך צוגעמאַכט די אויגן,
האָט ווער זאָרגפול, ווי אַ פאָטער,
איבער מיר זיך איינגעבויגן.

מיט אַ תּפילה אויף די ליפּן
און מיט רחמים אין די אויגן,
ווי אַ גוטער נביא, האָט ער
איבער מיר זיך אויסגעצויגן.

גוף צו גוף, ווי אַ סוכנת,
מויל אין מויל אַריינגעזויגן
האָט ער מיט זיין אָטעם מיינעם,
מיט זיין בלוט מיין בלוט באַוואויגן.

אויסגעוואַרימט, ווי אַ הינדל,
אויסגעגלייכט מיך, אויסגעצויגן,
איז ער פּלוצלינג ניט געוואָרן,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

אַז כ'האָב קעציש זיך געזשמורעט
און געריבן זיך די אויגן,
האָט זיך מיר געדאַכט — ער שמייכלט
פון אַפיר אַ רעגן־בויגן.

דער שמעטערלינג

ניט אונטער שווער די זון
און שרייט מיט אלע פארבן.
א שמעטערלינג פליט אום
און זוכט אן ארט צום שטארבן.

אלץ ענגער ווערט דער רינג
פון ערד און הימל'ס ברעגען.
ווי גייט דער שמעטערלינג
אליין דעם טויט אנטקעגן?

ער זעצט זיך צו בארוט
אנטקעגן ערשטן שטערן
אוןווארט אין גוטן מוט
פון טויט געפרואווט צו ווערן.

די פליגאלאך צונויף,
דער טויט זאל זיי צענעמען,
צי שפירט ער, אז צום סוף
וועט ער דעם טויט פארשעמען?

אז גאנץ ארויס פון פרואוו
די שיינע פליגל וועלן
לאנג בלענדן אויך אן גוף,
ווייל שיינקייט ווערט ניט נעלם?

בנשיקה

געבוירן אין תכריכים,
פארשטאנען פרי דעם סוד,
נעמט אָן דער שניי דעם גיכן
געריכטן טויט פאר גנאָד.

ער ליגט אוןווארט אויף וועמען
אין קילן שטילן ליכט
און קומט די זון אים נעמען,
צעשטראַלט זיך זיין געזיכט.

ער שטאַרבט אָן שרעק, אָן יאָמער
א הייליקער אין שיין
און הויכט אוים די נשמה
צו גאָט אין מויל אריין.

אַ ווייסער ויידע

זון אין מערב היימלאַך
ברענט ווי אַ קאַמין.
שניי — אַ ווייסער זיידע —
וואַרימט זיך דערין.

זיינע אויגן גליען,
גלייך ווי זשאַר אין אַש;
אויף זיין באָרד פון זילבער
שמעלצט זיך גאָלד אַ פּאַס.

שאַ און שטיל, זיין אָטעם
ווינטלט ניט קיין האָר,
דרעמלט איין דער זיידע
צווישן טרוים און וואָר.

רוהיק, רוהיק

גייט דער שניי אַ מתים־טאַנץ
שטיל, מיט ניט קיין היגע טריט.
אויף מיין קאָפּ אַ ווייסער קראַנץ
פונם ווינטערדיקן צווייט.

רוהיק, רוהיק פאַלט דער שניי,
גיט זיך אָפּ דער קילער ערד.
מיינע אויגן אָן געשריי
זען וואָס ס'איז זיי באַשערט.

מיין געמיט איז ווייס און גרינג,
ווי אַ שנייעלע אין וועג.
אויסגעגליכן איז אַלצדינג
אויף דעם אויפגעראַמטן שטרעק.

ערד איז ווייך און ווייס — אַ בעט.
וועל איך ווערן מיד צו גיין,
וועל איך היימיש אינם גרעט
לייגן שלאָפן מיין געביין.

אין דער לינקער פּאה

שלאָגט דער שניי זיך מיט דער דעה —
זאָל ער פאַלן דאָ צי דאָרט?
שנייט די עלטער אויף מיין פּאה
און זי שנייט ניט אויף מיין באָרד.

ליגט דער שניי זיך שפּעטער, פריער,
נאָר ער ליגט זיך דאָ און דאָרט.
קרייזל איך פאַרטראַכט די פּאה
און איך גלעט פאַרטראַכט די באָרד.

ווייען דאָ מיט טויט די שנייען,
שיטן זיי מיט בליאַכן דאָרט.
אפשר גאָר בליט ווייס מיין פּאה
און עס טרויערט שוואַרץ מיין באָרד?

זע, אַ גוטע ווייסע פּעיע
שמייכלט ליכטיק דאָ און דאָרט.
עלטער אין דער לינקער פּאה,
און איך שמייכל אין דער באָרד.

גוטע ברידער

ווייסער שניי ווי בלאַנק פּאַפּיר,
רעגט מיך שרייבן לידער.
גוטע ברידער זיינען מיר,
אַלטע גוטע ברידער.

קומט ער היימיש אין איין העמד,
ווי צו זיך אין חדר,
שטיל און שטום, אַזוי ווי פרעמד,
בלויז די אויגן ריידן.

ווערטער זיינען איבעריק
צו דערמאָנען זאַכן;
קינדער ווערן מיר צוריק
און מיר שטיפן, לאַכן.

גוטע ברידער זיינען מיר, —
וואָס איז אונדז דער ווינטער!
ווייסער שניי איז בלאַנק פּאַפּיר,
איך — אַ פולער טינטער.

אייז אויף בוימער

קרישטאָלענע בוימער
מיט שיינקייט באַלאָדן
שטייען געבויגן
צום מאַרמאָרנעם באָדן.

די לאַסט פון קרישטאָלן
האָט צווייגן צעבראָכן ;
דער איבערבראָך סטאַרטשעט,
אַזוי ווי אַ קנאָכן.

און ס׳ווייגען די בוימער,
ווען ס׳לאַכן די שטראַלן,
און שאָקלען די צווייגן
די שיינקייט זאָל פאַלן.

ניט גרינג איז די שיינקייט
פון פּראַסטיקע שלאַקסן,
עס ווילן די בוימער
בלויז לעבן און וואַקסן.

ווינטער אין דאָרף

פון קוימענס רויך אין זײלן
צום הימל ציט זיך שלאַנק.
אַרום ליגט שנײ פאַר מײלן,
ווי לײוונט, ווײס און בלאַנק.
מיט פּרעסן צווײ אַ שליטן
פּרעסט לײוונטענעם שליאַך.
אויף בוימער — ווײסע סוויטעס,
אויף צווײַגן — אוירינגלאַך.
אויף כאַטקעס — ווײסע הײבלאַך
און סטענגעס אײז מיט ראָסט.
אַ קינד אין בלינדע שײַבלאַך
מאַכט „אויגן", שמעלצט דעם פראָסט.
אויף שנײ פּעכשוואַרצע ראָבן —
מערעזשקעס אויסגענײט —
און פּאַטשערקעס, וואָס ס'האָבן
די שטראַלן אויסגעשפּרײט.

קריהעס

שווימען קריהעס, ווי די ווײסע בערן,
שווימען קריהעס, מערן זיך און מערן,
שטײען פּאַליעס זײ אַנטקעגן — סטאָפּ!
ניט פאָראויס און ניט צוריק זיך קערן.
סקרוכען קריהעס קעגן די באַריערן,
וואַרפן זיך, פאַרלירן זײער קאָפּ,
קרײצן זיך און צאַפּלען, ווי די שערן,
ווי די אָקסן, שטויסן זיך אין שטערן,
ביז די הערנער ברעכן זײ זיך אָפּ . . .

זון איבער אַלץ

ווי הייגלייכטער פון שווינדלגלאָז געשליפן,
באַאייזטע בוימער מיט די שטראַלן שטיפן.
אַ פייגל־פּאָר פאַרדרייט זיך אין אַ וואַלץ,
און זון איז איבער אַלץ.

אין ווייסן אַ צעכראַסטעטע, פאַרשאַרצטע
ליגט, ווי אַ נעגערין, די ערד די שוואַרצע;
אַ פאַרע אָטעמט פון איר ברוסט און האַלדז,
און זון איז איבער אַלץ.

דער ווינטער שווינדט, דער פרילינג בלענדט און שווינדלט.
מיט כוואַליעס, ווי מיט פיס אַ קינד צעווינדלט,
דאָס פרייע טייכל דרינגט אַ צעשטראַלטס,
און זון איז איבער אַלץ.

דערוואַכונג

די נעפּלען די פאַרזונקענע
אין פרילינגדיקע טראַנסן —
פאַרחלשטע, באַטרונקענע
פאַרשלייערטע ראָמאַנסן.

די פייגאַלאַך די דראַנגפולע,
וואָס פלאַטערן און שפּילן, —
געזאַנגפולע פאַרלאַנגפולע
צערודערטע געפילן.

די שעמעוודיקע בלעטאַלאַך
פון קנאָספּן אויפגעמאַכטע —
נאַאיווע ליבע־צעטאַלאַך
פון קינדער אויפגעוואַכטע.

ווינטן שטיפן

שטיפן ווינטן, גלייך ווי קינדער,
ווארפן זיך מיט קישנס־וואָלקנס
און זיי שויבערן די ביימער,
פלאָנטערן פון צווייגן קאָלטונס.

פליען ווייסע וואָלקנס אויבן
און די שאָטנס שלייכן אונטן,
ווי די שטילע פישער־נעצן
איבער ווייכע וואסער־גרונטן.

איז עס קאָלעמוטנע דאַרטן,
וואו די פישער־נעצן בויטען,
און, ווי איינגעשטעלטע וואסער,
איז אַרום, ווי פריער, לויטער.

ווארפן זיך, ווי פיש, צעפּוזשעט
ווילדע צאַפּלדיקע ריטלאַך
און די פייגל, ווי אויף הוידעס,
זינגען זיך אויף זיי געמיטלאַך.

די דיונס ביינאַכט

כוואַליעס לויפן אין טעראַסן,
גלייך ווי ווייסע מאַרמאָר־טרעפּ.
גליטשט אַ שטראַל זיך אויפן וואַסער,
ווי אַ דאַמע מיט אַ שלעפּ.

זאַמד געכוואַליעט, ווי אַ וויסטע,
היט אַ קאָרטש אַ פילאָזאָף
און ער האָוועקעט אויף די פיס־טריט,
וואָס זיי וועקן אויף פון שלאָף.

זיצן מענטשן בײַ אַ פייער,
צו דעם מילכוועג גייט דער רויך
און אַ פונק גייט אויף צושטייער
צו די שטערן אין דער הויך.

מענטשן און כוואַליע זינגען לידער,
און די בלויע שטילקייט רעדט,
און דער הימל איז אַ סידור,
און די שטערן — אַ געבעט.

אויפן האָדסאָן

אויף זילבערנער רחבות
שווימט פרייליך די דאַמפּשיף.
ווינט בלאָזט אונטער פּאַכוועס,
און לאַנדשאַפט נאָך לאַנדשאַפט.

באַוועלדערטע ברעגן
הויך איבער די תהומען
און שטיבאַלעך שטעקן
אין גרינס, ווי די שוואָמען.

אַ ריזיקער גיבור
מיט פּיס מיט צעשפּרייטע —
אַ בריק — שפּאַנט אַריבער
דעם האָדסאָן דעם ברייטן.

אַ וועג, ווי אַ גאַרטל,
אויף באַרגישע לענדן.
אַ שטאָט מיט אַ קאַרטל
שטעלט פאַר זיך דעם פרעמדן.

סירענע דערפרייט זיך
דער נייער באַקאַנטשאַפט.
באַקענט זיך, צעשיידט זיך,
שווימט ווייטער די דאַמפּשיף.

רופט נאָך די באַקענטע:
פאַרגעס ניט מיין נאָמען!
איר פּאָכעט אין ענטפער
די שיף מיט די פאָנען.

דער שנעל-צוג

דער דאמף פון קוימען ברויזט,
וויַ שוים פון וויין.
דער שנעלצוג יאָגט בארוישט —
אנו האלט איין!

פארכלינעט קייכט די פרייד
אין פולער קעל.
די וועלט האָט זיך פארדרייט —
א קארוסעל.

די וועלט לויפט אָן, אנטרינט —
אָר־ווא! הו־הא!
דער צוג שאלט אוים צום ווינט:
הו־הו! הורא!

א בלאָז, ווי א וואולקאן,
מיט רויטן אש
און ווייטער יאָגט די באן —
ריש־ראש! ריש־ראש!

שיקאַגאָ

.1

אין דער שטאָט פון רויך איז שוואַרצער
אויך דער וואָראָביי
און פאַרסאַזשעט ניט צום הארצן
איז דער פרישער שניי.
באַנען רויכערן און טשאַדען.
הייזער כמורנע, קראַנק
שטייען, ווי אַ שעפּסן־סטאַדע,
ניט געוואַשן לאַנג.
גאַסן ליגן ניט־געראַמטע,
ווי אַן אָבל־הויז.
שחיטה־הייזער טויט־פאַרסמטן
אָטעם הויכן אויס.
ווינטן פראַוועו אַ שוואַרץ־חגא.
שטשורעס שטשירען ציין,
און די בירגער פון שיקאַגאָ —
ווערימלאַך אין כריין.

.2

איז באַרימט שיקאַגאָ מיט די פילע פּאַרקן,
זיינען אירע פּאַרקן אָפענע, ווי מאַרקן.
שיטערע אַלייען — כלות אָן די שלייערס,
דאָס געפיל, וואָס הילט זיך, אַ געפיל ניט זייערס.
ניט קיין באַרג צו שטייגן העכער פון דער סביבה;
ווי אַ דיל, דאָס פלאַכלאַנד — גוט צו זיצן שבעה.
בלויז דער לייק, וואָס שטורמט אירע מזרח־ברעגן,
בערגלט זיינע פלאַכן ,ענדערט זיינע וועגן.

אויפן שוועל

אויפֿן שוועל

אָט צו ליכט און אָט צו שאָטן,
ווי אַ שלאַכטפעלד, גיי איך איבער.
כ'האָב די שוועל צו גאָט באַטראָטן,
נאָר איך בין זי ניט אַריבער.

און אין נעפּל איבער תהומען
אָן אַ שטערן, גאָט'ס אַ פינגער,
רוף איך אוים דעם טייוול'ס נאָמען,
ווייל צו אים איז רופן גרינגער.

נאָר אין אָנגעזיכט פון שטן
בייַנקט נאָך גאָט מיין האַרץ אין פיבער.
כ'האָב די שוועל צו גאָט באַטראָטן
און איך וועל זי נאָך אַריבער.

ביים טויער

איך קום צום טויער פון גן־עדן,
ווי ס'קומט א וועל צום ברעג,
נאָר, ווי א שווערד, די שארפע ליידן
פארשטעלן מיר דעם וועג.

נאָך טריפן, ווי אין רעגן, שויבן,
די אויגן אין געוויין;
נאָך מורמלט מיין געשטרויכלט גלויבן,
ווי וואסער אויף א שטיין.

נאָך שפּילן אין מיין בלוט ציגיינער
דעם צער פון ווינט און נאכט;
נאָך האָב איך ניט דיך, ווילן מיינער,
געשמידט און הארט געמאכט.

נאָך שטעכן נאָדלשארף די ליידן
און אומעט נאָגט די רו.
איך שטיי ביים טויער פון גן־עדן,
נאָך איז דער טויער צו.

צינזן

ווי באַצווינגער, קומען טרערן
אויף די אויגן מיר אַרויף.
וועלכע פּינצטערע באַגערן
בין איך שולדיק נאָך אַ חוב?

כ'האָב געמיינט: איך בין געלייטערט
און אין זעליקייט געררוט;
קומען טרערן, מאָנען ווייטער
צינזן צו מיין דורשטיק בלוט.

כ'האָב געמיינט: שוין אָנגעזווּפּט זיך
האָט זיין תאווה מיט גענוס,
נאָר נאָך אַלץ ניט אויסגעקוויפּט זיך
האָט מיין גייסט פון זיין רשות.

ווי באַצווינגער, קומען טרערן
אויף די אויגן מיר אַרויף.
וועל איך, פּינצטערע באַגערן,
אייביק זיין אייך אַ בעל־חוב?

ניט פאַרענטפערט

ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן.
ווי אַ קינד, אַלץ פרעגט עס, לאָזט מיך ניט צורו,
און איך האָב קיין ענטפער ניט צו געבן.
ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן,
ס'וויל ניט מער איך זאָל אַ מעשה וועבן
און אַ וויגליד זינגען: לולענקי, לו־לו.
ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן,
ווי אַ קינד, אַלץ פרעגט עס, לאָזט מיך ניט צורו.

ווי שאָף

איך וויים, וואָס יעדע חיה ווייסט,
אַז צער איז אַ באַשערטער,
און ווערטער גיבן ניט קיין טרייסט,
און טרייסט האָט ניט קיין ווערטער.

אָ, לאָמיר טרייסטן זיך, ווי שאָף.
זיך האַלדזן און ניט ריידן
און שטיין צוזאַמען ביזן סוף
פאַרברידערטע אין ליידן.

אויף כוואַליעס

האָט ים, וואָס ברויזט, אַ פּורעם?
בלאָזט שטורם מיט אַ פּלאַן?
דאָס ליכטיק אויג פון טורם
פאַרבעלמעט דער טומאַן.

אויף כוואַליעס פון יסורים
וואָס פינעט זיך דער וואַן?
איך וויל ניט זיין אין שטורם
אַ שיף אָן אַ קאַפּיטאַן.

איך זוך אין ים אַ פּורעם,
אין שטורמווינט אַ פּלאַן.
דאָס ליכטיק אויג פון טורם
עס פינטלט אין טומאַן.

דער נזיר

מיטן רוקן צו דער וועלט,
איבער אַלץ, וואָס ווימלט,
דרעמלט זיך אַ נזיר־באַרג
אויפן ראַנד פון הימל.

ראַשט אַ שטורמווינט פאַרביי,
הערט ער, ווי אין חלום,
און ער טראַכט זיך: שטורמדראַנג —
ס׳איז הבל־הבלים.

שוועבט אַן אָדלער מעכטיק, שטאָלץ,
זעט ער, ווי אין חלום,
און ער טראַכט זיך: הערשערמאַכט —
ס׳איז הבל־הבלים.

פאַלט אַ כמאַרע אויף זיין ברוסט,
פילט ער, ווי אין חלום,
און ער טראַכט זיך: ליבעשפּיל —
ס׳איז הבל־הבלים.

מיטן רוקן צו דער וועלט,
איבער אַלץ, וואָס ווימלט,
דרעמלט זיך אַ נזיר־באַרג
אויפן ראַנד פון הימל.

אין תפיסה פון דער פריי

האָב ווייב און פריינט אליין פארלאָזן,
א וויסט איז מיר די פרעמדע שטאָט
און עלנט בין איך, ווי א נזיר,
נאָר אָן זיין גלויבן אין א גאָט.

צו וואָס די איינזאַמקייט די שטילע?
צו וואָס זיך פייניקן אָן זין?
איך טו דאָך ניט בלחש תפילה
און הער ניט גאָט, וואָס שעפטשעט דין.

נאָר כ׳מוז די שטראָף פון מרידה טראָגן,
אויף מיר די האַנט פון אשמדי;
איך ברעך דעם יאָך, וואָס שפּאַנט אין וואָגן,
און זיץ אין תפיסה פון דער פריי.

דאָס טעלערל פון הימל

וואָלקנס שטראַלן, ווי די זיגער —
דאָס לבנהלע געפּאַקט!
ערשט זי איז שוין ניט קיין היגע,
גאָר אומזיסט געוועזן דער יאַגד.

כוואַליעס שפּרינגען צו דערגרייכן —
דאָס לבנהלע איז דאָרט,
נאָר זיי פאַלן פון די הייכן
און דער טרוים בלייבט ניט פאַרוואָרט.

הינט פאַרגייען זיך אין בילן —
א לבנהלע־געוויין.
צי זיי ווייסן וואָס זיי ווילן,
צי זיי ווייסן ניט אַליין?

„אַך, דאָס טעלערל פון הימל“,
זיפצן מיר אין שווער געמיט
און דאָס טעגלאַך ברויט מיט קימל
אונדזער הונגער זעטיקט ניט.

אויפגעטרייסלט

ווי ווייַן, מיין שוואכקייט און מיין צארטקייט
פארחתמע איך מיט זארג,
נאר אויפגעטרייסלט שווינדט מיין הארטקייט,
ווי פון דער פלאש דער קארק.

און אלץ, וואס כ'האב געדריקט, געבויגן,
הויבט פלוצלינג אויף דעם קאפ
און הייסע טרערן פון די אויגן
מיין פנים בריען אפ.

איך וויש די טרערן און זיי פליסן,
איך וויין אזוי און וואך,
אז ס'זאל זיך קיינער ניט דערוויסן
ווי קליין איך בין און שוואך.

סאָנעטן

שאָטנדיק און בלענדיק

איך האָב געזאָגט: איך וועל שוין מער ניט זיין
אַ וואַכע סטרונע אָנגעצויגן
פאַר יעדן פינגער, יעדן בויגן
צו צימבלען און צו רימפּלען פרייד און פּיין.

איך האָב געזאָגט: כ'וועל שטאַרן, ווי אַ שטיין,
דער לאַכנדיקער זון אַנטקעגן
און קעגן וויינענדיקן רעגן,
און מיט דעם צאַפּלדיקן ווינט — ניט גיין.

איך האָב געזאָגט, נאָר מאַלע וואָס מען זאָגט.
איך בין נאָך אַלץ מיט אַלץ פאַרצווילינגט;
ווי כ'האָב מיט פרילינג גלייך געפרילינגט,
מיט הארבסט געהארבסטיקט, מיט זיין קלאָג געקלאָגט,

אזוי וועל איך וויברירן שטענדיק,
ווי וואַסער, שאָטנדיק און בלענדיק.

לערנען בײַ בוימער

אין טיף צו גראָבן און אין הויך צו שטײַגן
זיך לערנען װעל איך בײַ די פּראָסטע בוימער,
װאָס װאַקסן מיט די װאָרצלען אינם חומר
און ציִען זיך צום הימל מיט די צװײַגן.

פֿיל מאָל צו בליִען און פֿיל מאָל צו רײַפֿן
זיך לערנען װעל איך בײַ די פּראָסטע בוימער,
װאָס װעלקן זאָרגלאָז־בונט, און, װי די טרוימער
זײ קאָנען מיט אַ קאָרע זיך פֿאַרשטײַפֿן.

איך װעל בײַ זײ זיך לערנען, נעמען כּוח
צו לײַטערן דאָס לעבן מיט מײַן אָטעם,
אין היץ צו פֿאָכען מיט אַ קילן שאָטן,
אין אָװער הױכן מיט אַ זיסן ריח.

און לערנען װעל איך זיך אין װינט צו צאַמען,
װי זײ, די װילדע צװײַגן מיט די שטאַמען.

בלעטערפאַל

מיט זון און טוי, מיט רו און שטורם זאַט,
צום טויט, ווי צו אַ יום־טוב, בונטגעקליידטע
די ווייזע בלעטער, ווי קרבנות גרייטע,
אַליין פון בוימער פאַלן בלאַט נאָך בלאַט.

די ערד איז אַ מזבח רויט פון זיי,
נאָר ניט קיין אכזר איז דער האַרבסט, — אַ פּריסטער,
„ווייל טויט און לעבן — יעדעס בלעטל פליסטערט —
„איז איין באַשעפער אין געשטאַלטן צוויי.

און מיט באַוואוסטזיין, אַז ס'איז דאָ אַ זין,
זיי פאַלן צו די פיס פון טויט, ווי בלומען,
צו זיין דאָס מיסט פאַר די, וואָס וועלן קומען
מיט אָבות־בלוט אין אָדערלאַך־געשפין.

זיי פליען גרינגע, ווי די שמעטערלינגען,
אויף זייער קבר טאַנצן זיי אין רינגען.

אין טומאַן

אין בלינדקייט בלינצלט אויפן ברעג דער מויער,
קאַשמאַרן זעט דער ים און שרייט פון שלאָף.
דאָס האַרץ אין פּחד פּרעסט זיך, ווי אַ שאָף;
אַזוי ווי אין אַ מושעל, ברומט אין אויער.

די שיפן, ווי פאַרלאָרענע בהמות
מיט גלעקלאַך אויף די העלדזער אין גלין־גלאַן,
פאַרכשופט בלאָנדזשען, רעוען אין טומאַן
מיט אימה חיהשער פאַר דאָס געהיימעס.

ווי בייזע אויגן פון אַ וואָלף, וואָס גליען,
די ריפן־פייערלאַך אין גרוי שאַריען
און ס'קנאַקט צערייצט דאָס אייז, ווי צאָן אויף צאָן.

דער האַפן, ווי אַ פאַסטוך, בלאָזט אין האָרן
און פויקט אין גלאָק, וואָס איז פאַרדומפּט געוואָרן,
און וואַרפט אַ שרעק, אַזוי ווי אַ טאַם־טאַם.

ווימן

דאָס ווימן, ווי אַן אוצר, איז פאַרשאָטן,
פאַרכשופט אינם גרונט פון בלינדן זיין,
נאָר, ווי די שאַכטער, גראָבן מיר זיך איין
אין האַרטן האַרץ פון סודות און פאַרבאָטן.

אין מהומה שליידערט זיך דער שאָטן,
דער שכל, ווי אַ לעמפּל, וואַרפט אַ שיין,
דער שאַרפער נייגיר דרינגט אין סוד אַריין,
ווי אינם שטיין די עקבערס און די דלאָטן.

פיל גאָלד אַנטהוילן איז אונדז שוין געראָטן,
פיל מער הילט איין דער פליגל פונם שטן,
וואָס שטרעקט דעם צווייטן פליגל, ווי אַ שווערד.

נאָר זאָל ער היטן זיינע שוואַרצע גראָטן,
פאַרשיטן אונדז ביים לעבן, ווי די קראָטן, —
מיר גראָבן ווידער אוצרות פון דער ערד.

אין איינזאַמע אָרביטן

מיר דרייען זיך אין איינזאַמע אָרביטן —
פּלאַנעטנלאָזע זונען אין די רוימען.
מיר ברענען און מיר וואַרפן ליכט, ווי זוימען,
נאָר זעען אים ניט אויפגיין אַ צעבליטן.

און יאוש זאָגט: מיר נאַרן זיך מיט טרוימען.
מיר זיינען פון דער וועלט ווי אָפּגעשניטן.
ניט בעסער שוין פאַרלעשן זיך, צעשיטן,
ווי ווילדע שטערן אויף צעשטויבטן דומם?

נאָר וועכטער־אויגן דרעמלען ניט און היטן,
אַז ניט פאַרגיין זאָל אויף זיין וועג דעם וויטן
דאָס ליכט אפילו פון אַ טויטן שטערן.

און אויפגיין נאָך אויף שפּיגל פון געמיטן
וועט אונדזער שיין מיט שימער מיט באַגייטן,
אפילו ס'זאָל יאָרהונדערטער געווערן!

פערציק

ערגעץ הינטן אויף מיין וועג באהאלטן
אין צעזייטע און פארווייטע קברים
לאז איך איבער פערציק מדבר־יאָרן,
ווי די מתים פון א דור אן אלטן.

פון סאמומען שטויביקער און בלינדער,
זלידנער קלאנגעדיקער פון שאקאלן,
זיינען זיי פון ריי ארויסגעפאלן,
ווי די וואקלדיקע ציין פון קינדער.

גיי, מיין לעבן, זיי זיך נים מצער!
ווייטער, ווייטער, ווי א דור א נייער
און נעם איין דאָס לאנד דאָס צוגעזאָגטע!

גלויב די אויגן: הימלען זעסטו קלאָרע,
נים מיראזשן — טייכן טאקע וואָרע,
נים קיין וואָלקנס — שעפסאלאך געלאָקטע.

נאָענט און ווייט

ווי צוויי בוימער

מיר זיינען נאָענט, ווי צוויי בוימער־שכנים,
דער שטורם ווארפט אונדז איינעם אויפ'ן צווייטן.
זיי מוחל, אויב מיט מיינע הארטע סוקעס
כ'וועל אין באַריר אַ צווייגל דיינער ווייטון.

מיר זיינען נאָענט, ווי צוויי בוימער־שכנים.
מיר זיינען נאָענט, אָבער ניט צוזאַמען, —
דער שטורם ווארפט אונדז איינעם אויפן צווייטן,
די צווייגן פלעכטן זיך, נאָר ניט די שטאַמען.

מיר זיינען אָפּגעזונדערט, ווי די שטאַמען,
נאָר גוט איז אונדז צו זיין, ווי בוימער, שכנים —
אין צייט פון רו שטיין איינער קעגן צווייטן
און אין אַ שטורם פלעכטן זיך אינײנעם.

ווי איז דאָס געוואָרן

מיר גייען האנט אין האנט —
זאָג, ווי איז דאָס געוואָרן?
מיר זיינען זיך באקאנט
שוין אפשר הונדערט יאָרן.

דו רעדסט צו מיר אָן שאנד
פון שעמעוודיקע זאכן.
כ׳פארשטיי דיך אָן פארשטאנד
בלויז מיטן הארץ דעם וואכן.

מיר גייען האנט אין האנט —
ווי איז געשען דער וואונדער?
ערשט נעכטן האָט א וואנט
אונדז אָפּגעטיילט באזונדער.

אָוונט

לאָמיר שטיין געאָרעמטע און שווייגן,
ווי די ביימער מיט באהעפטע צווייגן;

ווי די ברעגן צו דעם פולם פון וועלן,
לאָמיר האָרכן, ווי די בלוטן קוועלן

און מיט אויגן ליכטיקע באזעלטע —
לייכטן, ווי די שטערן די צעהעלטע.

פרייהייט און טרייהייט

זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען,
אַזוי ווי דער ים מיט די ברעגעס!
זאָל שיינקייט מיט ריינקייט זיך גראַמען!
זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען!
ווי הייליקע בילדער אין ראַמען,
ראַם איין דיינע הייליקע רגעס!
זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען,
אַזוי ווי דער ים מיט די ברעגעס!

אַ גאַנצער

איך קום אַנטקעגן דיר אַ גאַנצער
מיט פולן האַרצן, פול מיט גוטס.
ניט צי אַרויף אויף זיך קיין פּאַנצער,
דו דאַרפסט ניט קעגן מיר קיין שוץ.

ניט שרעק זיך פאַר מיין שראַם פון נעכטן,
בלויז ווילד־בלוט האָט געלאָזט דער קריג
און אין דעם אומגליק פון געפעכטן
האָב איך געלערנט וואָס איז גליק.

דאָס גליק איז ניט אין גרוב פון לויער
און ניט אין מעסער פון פאַראַט.
דאָס גליק האַלט ניט אויף שלאָס זיין טויער
און רייצט ניט אָן די הינט פון חשד.

איך ווייס, אַז גליק באַדאַרף מען בויען
ניט אויפן רויב פון אייגננוץ,
נאָר אויף דער זיכערקייט פון טרויען
אין פריינטשאַפט, ערלאַכקייט און גוטס.

אַ ראָב האָט אויסגעבריט טויבן

א ליד מיינס הארציק, ווי א לאסקע,
האָט אויסגענארט א היפּאָקריט.
געפּאַלן איז אין שטויב די מאַסקע,
נאָר ניט געפּאַלן איז מיין ליד.

דער געץ איז פאַלש, נאָר ניט דער גלויבן
און ניט די תּפילה פון א הארץ.
א ראָב האָט אויסגעבריט מיר טויבן,
דאָך זיינען ניט די טויבן שווארץ.

אַ פרעמדער

אין ביינקשאַפט פארבלאָנדזשען צו פרויען,
אזוי ווי א היימלאָזער הונט,
און ווײסן — אומזיסט איז צו בויען
א היים אויף א זאַמדיקן גרונט.

בלויז, ווי אין א גאַסטהויז, זיך לייגן
א פרעמדער מיט זאָרג און פארדאַכט
און שלאָפן מיט אָפענע אויגן
אויף ריגלען און שלעסער פארמאַכט.

מיט דיר — אַליין

דיר מוחל זיין בין איך ניט גרויס
און שטראָפן דיך — ניט קליין.
מיין תאווה גייט צו דיר אַרויס,
די ליבשאַפט וויל ניט גיין.

די קושן דיינע זיינען ווייַן
מיט הייוון אויפן דעק
איך טרינק בלויז ניט צו דורשטיק זיין
און שטופּ דעם כוס אַוועק.

דער טשאַד פון תאווה וועפּט זיך אויס
און כ'בין מיט דיר — אַליין.
דיר מוחל זיין בין איך ניט גרויס
און שטראָפן דיך — ניט קליין.

דזשאָנגליש

די ליבע האָט אין ברוסט געקלאַפּט,
אַזוי ווי אין אַ טויער,
און, ווי אַ הונט, האָב איך געשנאַפּט
און אָנגעשפּיצט אַן אויער.

ווער גייט — אַ שונא צי אַ פריינט?
און, ווי דעם דזשאָנגל־נעגער,
האָט מיר די וועלט צו זיין געשיינט
אַ וואַלד פון ציין און נעגל.

דאָס האַרץ, אַזוי ווי אַ טאָם־טאָם,
האָט אויסגעפּויקט סיגנאַלן:
גיב אַכטונג אויפן ראַנד פון תהום,
אַ גליטש און ס'איז פאַרפאַלן.

ווי אָדם אין גן-עדן

דיר בײַנקט זיך נאָך דער צימלאַכקייט פון צימער
און מיר געפעלט די ווילדקייט פונם וואַלד,
די הימל־חופּה מיט איר שטערן־גלימער,
די בעט פון גראָז בײַ דער נאַטור אין פאַלד.

דורך בלעטער ריידן דעם באַשעפערס ליפּן,
דער הויך פון בראשית אָטעמט אין דער נאַכט.
דו ליגסט לעם מיר — אַ ריפּ פון מײַנע ריפּן,
איך גאָף אויף דיר, ווי ערשט פון שלאָף דערוואַכט.

ס'איז אַלץ מיר נײַ, איך גיב די זאַכן נעמען,
האָב פריער קיינמאָל גאָרנישט ניט געזען.
איך ווייס ניט וואָס איז זינד, וואָס הייסט זיך שעמען,
איך גלוסט דיך, מוז דיך נעמען און איך נעם.

אין עקזאַלטירטע שעפערישע פריידן
מיט גאָט אינײַנעם רוף איך אויס: כי טוב!
און ווידער בין איך אדם אין גן־עדן
און מעשה בראשית קיינמאָל הערט ניט אויף.

מיט אויגן און פינגער

אז כ׳וועל צו דיר אין טרויער קומען,
ניט פרעג וואָס האָט מיין קאָפּ געבויגן,
נאָר לייג דיין האַנט בלויז אויף מיין שטערן
און קוק בלויז ליב אין מיינע אויגן.

מיין צער איז איינזאַם און פאַרביסן
מיט שטייף צונויפגעפּרעסטע ליפּן,
נאָר, ווי אַ הונט, אַ שטומער בעינק איך
נאָך לאַסקעס און אַ בליק אַ ליבן.

ניט פרעג וואָס האָט מיין קאָפּ געבויגן
און גיב מיר טרייסט און מאַך מיר גרינגער,
נאָר גיב מיר ניט די טרייסט פון ווערטער,
נאָר פון די אויגן און די פינגער.

שטומער צער

ער האָט זיך ניט באַקלאָגט פאַר איר,
נאָר, ווי אַ הונט אַ שטומער,
זיין שווערן קאָפּ אויף אירע קני
אַרויפגעלייגט אין אומעט.

„וואָס איז, מיין פריינט?" האָט זי געפרעגט,
נאָר שטיל איז ער געבליבן,
געאָטעמט שווער און, ווי אין קראַמף,
די פינגער זיך געריבן.

האָט זי אַ הויב געטאָן זיין קאָפּ,
געקוקט אים אין די אויגן,
וואו צער פון בעלי־חיים האָט
צו רחמים זיך געצויגן.

האָט זי אים מער שוין ניט געפרעגט,
נאָר בלויז געקושט, געצערטלט,
און פּלוצלינג האָט ער, ווי אַ הונט,
צעיאָמערט זיך אָן ווערטער.

אויב . . .

.1

אויב דו ביסט א שמעטערלינג,
ניט פלי צו מיינע קווייטן, —
זיי בלענדן ניט מיט פארביקייט,
זיי בליען פראסט, באשיידן.

נאר אויב דו ביסט א האניק־בין,
פארפעל ניט מיינע בלומען, —
זיי שמעקן צו די נאזלעכער,
זיי זיינען זיס צום גומען.

.2

אויב דו ביסט א נאכט־מאטיל,
וואס פליט אין פלאם א בלינדער,
בין איך, דאס פריילאך פייערל,
אן אומשולדיקער זינדער.

נאר אויב דו ביסט א פישעלע,
וואס זעט אין טייך די שטיינער,
אזוי ווי וואסער, ווער איך נאך
פון דיר געלייטערט ריינער.

פון שיר-השירים

איך שלאָף, נאָר דאָס וואַכע האַרץ שלאָפט ניט אין מיר.
וועקט מיך מיין געליבטער, קלאַפּט מיר אָן אין טיר:

— עפן, כלה מיינע, שטילע טויב דו מיין!
אָפּגעפלאַמט אין מערב האָט דאָס רויטע שיין.

אויף די לאָנקעס די פאַרשלייערטע
פראַסטיק הויכט דער ווייסער טוי,
ווי מיט פעראָלאַך באַשפּרייעטע
מיינע לאָקן זיינען גרוי.

עפן! — רופט ער מיט אַ ציטערן
און אין מיר די קלאַנגען ווידערן.

די קריכפלאַנץ

ווי אַ שוואַך און הילפלאָז קינד
היינגט זיך אָן דער מאַמען,
פלעכט די קריכפלאַנץ זיך אַרום
שטאַרקע בוימער־שטאַמען.

שטייט זי ניט אויף אירע פיס
זעלבסשטענדיק אין באָדן;
פאַלט אויף איר דער זונענשטראַל
דורך אַ צווייטנס שאָטן.

רעגן טרינקט זי ניט אַליין,
נאָר וואָס יענער שפּעטער
אָנגעטרונקען גיסט אַראָפּ
פון די זאַטע בלעטער.

קנעכטיש־בויגיק איז איר גוף
און צעדרייט — די גלידער,
און פאַלט איין דער שיצער־בוים
פאַלט זי אויך אַנידער.

עשו

פּרעליוד

איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה
מיט בלוט־רויטע ציגאַלאַך צווײ.
זיי זיינען געוועזן קלאָר־ווייסע,
נאָר שווינדלער פאַרבלוטיקט האָט זיי.

איך וועל זיי ניט וואַשן, ניט צוואָגן, —
געשענדט זאָל ער זיין, ווער עס שענדט,
און זאָלן די פעלן פאַרקלאָגן
דעם שווינדלערס באַהאַלטענע הענט.

זאָל צאָרן דעם ערלאַכן צינדן,
אַזוי ווי דעם טיגער אין צאַם,
און אויפטרייסלען זאָל ער דעם בלינדן,
ווי ס'טרייסלט אַ צווייג אויף דעם שטאַם.

און שוידערן ווילד זאָל דער בלינדער,
וואָס פאָטערלאַך משפּט זיין דור,
פאַר בענטשן מיט הערשאַפט דעם שווינדלער,
מיט קנעכטשאַפט — דעם אמתן בכור.

עשו׳ם געזאַנג

איך לאָז צום ג ל א ט ן איבער
די שלויקייט פונם מוח.
אַ רויטער איז מיין פיבער
און האָריק איז מיין כוח.

זאָל ער אין צעלטן זיצן,
איך וועל דאָס פעלד צעשווינגען.
זאָל ער מיט ווערטער בליצן,
איך וועל מיט מעשים קלינגען.

זאָל ער די בכורה קויפן,
ווער פרעמדן רום איז אויסן;
פאַר מיר מיין שם זאָל לויפן
און מ י י נ ע מעשים גרויסן.

ניט מיין געבורט, — מיין לעבן
זאָל פאַרן בכור מיך קרוינען
און דאַנקבאַר זאָל מען געבן
די ברכות מיר, ווי לוינען.

עשו אין דער היים

א פרעמדער איז עשו בא זיך אין דער היים.
זיין מוטער פארשעמט זיינע שטיוול אין ליים,
זיין ברודער פאראכט די פארקאַרעטע הענט.
זיי קוקן אראָפּ און די אויגן באברעמט
פארטאיען א שנאה, ווי פריסעק א קויל;
זיי טשאַטעווען שטום, ווי א שלאַנג אין א קנויל,
און ריידן זיך איבער מיט וואונקען אינטים.
ער ווייסט, אַז זיי האָבן פארשווערט קעגן אים,
נאָר נמאס איז עשו'ן די רייסעריי,
שוין בעסער מיט חיות דער שטרייט אויף דער פריי.
ער וואָלט גאָר אהיים ניט געקומען פון פעלד,
ווען ס'רופט ניט דער פאָטער זיין גיבור און העלד.
דער פאָטער איז טאקע זיין איינציקע טרייסט;
האלט עשו אים טייער און טוט וואָס ער הייסט,
ער איז אים משמש, ער וואשט אים די פיס,
ער מאכט אים מאכלים, וואָס שמעקן אים זיס,
נאָר אַלט איז שוין יצחק, ער זעט שוין ניט קלאָר
און יעקב'ן אָפט נעמט ער אָן פאַרן בכור.

עשו אויף יאַנד

האָט דער פֿאָטער געשיקט מיך אויף יאַנד,
וועל איך שטרייטן מיט חיות נעוואַגט,

וועל איך רויט, ווי דער לייב, און באהאָרט
מיט אים ראַנגלען זיך ווירדיק געפּאָרט,

וועל איך פֿלינקער פֿון הירש אין געלאַף
פאַר די הערנער אים פירן א שקלאַף,

וועל איך שיסן דעם פוקס אָן געטרוי —
אָ, ער איז, ווי מיין ברודער, דאָך שלוי!

וועל איך ברייננען מיין פאַנג פונם פעלד,
וועט דער בלינדער דערקאָנען דעם העלד,

וועט מיך בענטשן דער גרייז, אָנגעלענט
אויף מיין קאָפּ די באַרוהיקטע הענט.

אינטערליוד

און דאָ קומט געוויקלט דער שווינדל
אין אומשולד פון ציגאַלאַך צוויי,
אַזוי ווי די קרעצ אין אַ ווינדל
אַ ווײַס און אַ ציבטיקס, ווי שניי.

און ס'טאַפּט מיט די פינגער דער בלינדער
די פּעלכלאַך פון ציגאַלאַך צוויי
און פילט ניט די גלאַטקייט פון זינדער,
וואָס האָט זיך באַהאָריקט מיט זיי.

ער עסט, און עס שמעקט אים דער ביסן
געמאַכט פון די ציגאַלאַך צוויי,
און בענטשט דעם באַטרוג צו געניסן
פון ערד־זאַפט און הימלישן שפּריי.

נאָר עשו וועט קומען, דערוויסן
די ביינער פון ציגאַלאַך צוויי
און, אויב ס'איז נאָר דאָ אַ געוויסן,
וועט וועקן אים עשו'ס געשריי.

עשו פֿאַרביטערט

אָ, ווער איז דער מאַכיקער פֿעלדז
און ווער איז דער צדיק אין פּעלץ?
אָ, בלינדער, דו בלינדער!

אָ, ווער שמעקט מיט פֿעלד, ווי אַ קווייט,
און ווער איז די וואַנץ אין זיין קלייד?
אָ, בלינדער, דו בלינדער!

אָ, ווער רעדט פֿון הארצן אַרויס
און ווער — מיט אַ צינגל אַ שלוים?
אָ, בלינדער, דו בלינדער!

אָ, ווער שטעלט זיין לעבן אין קאָן
און וועמען דיין ברכה קומט אָן?
אָ, בלינדער, דו בלינדער!

עשו האָפּט

זאָל דער בלינדער דעם שווינדלער נאָך בענטשן
און פאַרשקלאַפן דעם ערלאַכן מענטשן,
נאָר ווי לאַנג איז באַשערט נאָך דעם אַלטן
אין זיין בלינדקייט צו שאַלטן און וואַלטן?
ביז ס׳וועט קומען זיין טויט, מיין באַפרייער,
וועל איך שפּייזן מיין צאָרן, ווי פייער,
וועל איך קאָבן מיין שנאה דערווייל,
ווי אַ גיפט צו פאַרסמען די פייל,
און זיך גרייטן צום קאַמף אָנגעצויגן,
ווי אַ שטייפער געטראָטענער בויגן.

עפּילאָג

פאַרענדיקט איז נאָך ניט די מעשה
מיט ציגאַלאַך רויטע אַ פּאָר.
אָ, וועלן זיי ווערן נאָך ווייסע
די רויטע פאַרבלוטיקטע האָר?

פאַרגאָסענע בלוט איז אַ כעסן,
נקמה לאָזט איבער אַ דור.
פאַרענדיקט איז נאָך ניט די מעשה
מיט ציגאַלאַך רויטע אַ פּאָר.

צווישן בריךער

מיינע ברידער

מיינע ברידער ברומען אין מלחמה,
און א שטילע ווארקעט מיין נשמה.

זייט מיר מוחל, קריגערישע ברידער,
מיינע שטילע ווארקענדיקע לידער.

זייט מיר מוחל מיינע הענט די ריינע,
מיינע הענט, וואס בענטשן אלדאס שיינע.

אלדאס מיאוסע האב איך געלייטערט.
האב איך, ברידער, זיך פון אייך דערווייטערט?

ניט דערווייטערט האט זיך אייער ברודער,
איר האט מ י ך פארלאזן אין גערודער.

ווי א מוטער, גיי איך נאך פון הינטן,
נאר איר זעט מיך ניט אין שטויב פון ווינטן.

ביז איר וועט זיך אומקערן, ווי קינדער,
וועל איך נאכגיין הינטן, ווי א זינדער.

אויב איך קאן ניט אייער שונא שעלטן,
וועל איך בענטשן אייערע געצעלטן.

אויב איך קאן ניט אין מלחמה ברומען,
וועל איך האפן אייער זיג זאל קומען,

וועל איך ווארטן מיט די שטילע לידער
אויף די פרייע, די געשטילטע ברידער.

קריג-צייט

מען טרייבט אויף נאכט אין צימערל אין ענגן,
נאָר אין דערפינצטער וועל איך מיר ניט זיצן
לויט דעם באַפעל פון דעם סאָלדאַט דעם שטרענגן.
מען טרייבט אויף נאכט אין צימערל אין ענגן —
איך וועל די פענצטער פון מיין זעל פאַרהיינגען
און, ווי א לעמפל, וועט מיין טרוים מיר בליצן.
מען טרייבט אויף נאכט אין צימערל אין ענגן,
נאָר אין דערפינצטער וועל איך מיר ניט זיצן.

צווישן ברידער

איך קריג זיך מיט מיין קלאַס פאַר מיינע לידער,
נאָר ס'איז אַ קריגעריי בלויז צווישן ברידער.

אומזיסט דעם שונא'ס פרייד מיט אונדזער שפּליטער —
פאַר אים וועט אונדזער פראַנט ניט ווערן שיטער.

אומזיסט נעמט ער זיך אָן די קריוודעס מיינע —
ניט ער וועט זיין דער יורש פון דאָס פיינע.

איך קריג זיך מיט מיין קלאַס פאַר מיינע לידער,
ווייל אַרבן וועלן מיך בלויז מיינע ברידער.

זאַטקייט און הונגער

פון שטיין די פּנימער, פון שטאָל די אויגן,
די האַרטקייט פון אַ וואָלף ביים עסן.
מען זיצט בײַ טישן שטייף און אָנגעצויגן,
און עפּעס קאָן מען ניט פאַרגעסן.

די טישן זיינען פול כיד המלך
מיט עסנוואַרג, און וויין, און בלומען.
מען טרינקט און אויפן האַרצן איז ניט פריילאַך,
מען עסט און ס'איז ניט זיס צום גומען.

מען קוקט באַזאָרגט אין דרויסן, וואו ס'מאַרשירן
די אַרבעטלאָזע, ווי אַ כמאַרע.
— העי, קעלנער, שטייען וועכטער בײַ די טירן? —
— יאָ, זיבער, מיינע ליבע האַרן! —

— העי, קלעזמער, שפּילט! און פריילאַכער און העכער!
העי, טענצערינס, דעם טאַנץ פון חוה! —
און אונטער טענער גרילצנדיקע פּרעכע
צעטרייסלט זיך דער שווייַן, די תאווה.

און ס'הוליעט די הולטייסטווע אויסגעלאַסן
און די הפקרות טאַנצט מיט העזה —

צום טייוול מיט די הונגעריקע מאסן!
צום טייוול מיט די ארבעטלאזע!

און פלוצלינג, ווי אן ענטפער די הוליאקעס,
טראך, טראך! עס פליען שטיינער, ציגל,
און פענצטער־שויבן רייסן אויף און קנאקן,
און ס'פלאצט אין שפליטערן א שפיגל.

און, ווי געכאפט אין מיט פון א פארברעכן,
פארשטעקט דאס ביסן ניט דערשלונגען,
פארשטארט די האנט, וואס טראגט צום מויל דעם בעכער,
פארשטומט דער ניגון ניט דערזונגען.

די נאקעטקייט פארדעקט זיך מיט די דלאניעס,
די פרעכהייט מיטאמאל פארשעמט זיך
און ס'ציטערן די קני פאר דער פורעניות,
וואס האט געסטראשעט און דערנענט זיך.

אט קומען זיי די הונגעריקע שופטים,
זיי שרייען מיט פארשמאכטע צונגען:
— געגנוג דער זעט צו פרעסן און צו זויפן,
אצינד וועט שטילן זיך דער הונגער! —

באַרויבטע

צוגלייך מיט מיסט אַרויסגעקערט אַהער
דאָ ליגן היימלאָזע אין גרוב,
און דאָרטן שטייען הימלקראַצערס לער, —
וואָס טראַכט דער בויער אָן אַ שטוב?

זיי נישטערן אויף סמיטניקעס, ווי מייז,
ווען שפּייכלערס שטייען פול אַרום.
וועט דער שפּייזער אָן אַ ברעקל שפּייז
דעם שליים פון הונגער שלינגען שטום?

וועט צעפּוילן, ווי פון קרעץ אַ פעל,
די קלייד אויף אים, וואָס קליידט דאָס לאַנד,
ווען מיט מלבושים טראַציק אויסגעשטעלט
די קראָמען שפּאָטן פון זיין שאַנד?

אָ, איבערגיין די ברעגן וועט דער צער,
און אויפשטיין וועלן זיי פון שטויב,
און קאַרגן וועט ניט זייער האַנט קיין שכר
די זלידנע אַנזאַמלער פון רויב!

ווי אַ זעגל

מיט געשפּאַנטע שוואַרצאַפּלען
וועל איך גריסן דאָס לעבן,
זיך פאַרנויגן און צאַפּלען,
ווי אַ זעגל אין שוועבן.

זאָל מיך ווייקן דער רעגן,
זאָל די זון מיך פאַרשוואַרצן,
זאָל דער ווינט, ווי אין זעגל,
בלאָזן גלייך אין מיין האַרצן.

זאָל די כוואַליע אין שפּילן
פאַר איר שפּילצייג מיך מאַכן,
איך וועל שפּאַנען מיין ווילן,
ווי אויף שטריק, און ניט שוואַכן.

איך וועל גריסן, זיך נויגן,
ווי אַ זעגל צום שטורם.
דו גייסט אויף, רעגן־בויגן,
אָרעאָל פון יסורים!

אָרימע שבתים

1) ש ב ת ־ ק ו ד ש

מאַמע מיט די הענט די דאַרע
קאָכט, און באַקט, און פּוצט, און וואַשט,
צינדט אָן ליכט און מאַכט אַ וואָרע —
שבת־קודש קומט צו גאַסט.

קומט ער מיט זיין הדרת־פּנים,
הייסט זיך געבן פון כּל־טוב,
עסט און טרינקט פאַר צען יונים
און רוט אויס זיין שווערן גוף.

אויסגעפּאַשעט, אויסגעכאַליעט,
גייט ער זיך אַוועק דערנאָך
און די מאַמע צו איר דאַליע
לאָזט ער אויף דער פולער וואָך.

צו די פּוסטע טעפּ און טעלער,
צו דעם הונגער, צו דער נאַכט,
ווי אַ היישעריק אַ שנעלער
וואָלט אַ חורבן אָנגעמאַכט.

2) פרייטיק צו נאַכט

די לבנה, ווי אַ חלה,
און די שטערן, ווי די ליכט,
האָבן מיר דערמאָנט אָן שבת
אַט אַזוי גאָר אומגעריכט. —

שמעקט דער דיל מיט זאמד נאָך פייכטן
און דער פּריפּעטשאָק מיט פּיש,
זיצט נאָך ליכט־בענטשן די מאַמע
בײַ איר צוגעריכטן טיש.

ליגן אירע הענט געפלאָכטן,
ווי אַ קוילעטש, אויפן שויס,
ס'איז ניט גרינג געווען דעם שבת
ברייגנען אין איר אָרים הויז.

ניט קיין וויין אויף קידוש — חלה,
פיש אַליין און ניט קיין פלייש,
נאָר דערפאַר איז ריין דער דלות
און געהייצט דער אויוון היים.

שמעלצן זיך די ליכט פאַר נחת,
שטימען אָן מיט זייער חן,
נאָר דער מאַמעס מידע אויגן
שליסן זיך פון זיך אַליין.

רייסט די מאַמע אויף די אויגן,
טרייבט דעם שלאָף פון זיך מיט מי.
„וואָלט דער טאַטע שוין געקומען
פונם מנין", מורמלט זי.

און זי קוקט אַרויס אין פענצטער,
וואו עס שמייכלען אין געזיכט
די לבנה, ווי איר חלה,
און די שטערן, ווי די ליכט.

3) אַ מילכיקער שבת

זיצט רב שבת אויבנאָן
און ער פילט זיך בילכיק,
און די מאַמע שטייט אין שרעק
ווייס און געל, ווי מילכקס.

וואַרט רב שבת. „יין ,נו?“
פרעגט ער ניט אויף יידיש.
זאָגט די מאַמע, ווי פאַרשעמט:
„מאַכט אויף חלה קידוש“.

מאַכט ער קידוש און דערוואַרט
פיש און פלייש, אַ יאַיכל,
נאָר די מאַמע טראָגט אים צו
גאָר אַ מילכיק מאַכל.

קוקט ער און ער בלאָזט זיך אָן
אויף דער מאַמעס לאַסקע
און זיין הדרת־פּנים שטייפט,
ווי אַ שטאַרע מאַסקע.

פילט ער צו פאַרשטערן אַלץ,
נאָר ער טוט אַ טובה —
עסט דער מאַמעס אָרים ברויט
מיט אַ זיפּץ בגנבה.

זינגט ער זמירות, נאָר אין קול
לאָזט זיך טרויער הערן.
זידט דער חלב אין די ליכט,
ווי דער מאַמעס טרערן.

פון סערגיי יעסעניז

מיט רחבות

מיט רחבות גרעטשענער אין ברוסט,
מיין ענגער היים בין איך ניט גערן.
איך וועל אוועק מיט וואנדערלוסט,
א וואגאבונד, אַ גנב ווערן.

כ׳וועל א כאלופקע זוכן גיין
אין ווייסן טאָג אין קוטשעראוון,
און שארפן וועט מיין פריינט אליין
אויף מיר זיין מעסער אין כאליאווע.

מיט זון און פרילינג איז ארום
געוויקלט נעלער וועג פון קריטער;
און, ווען נאָמען איך היט פרום,
וועט פון איר שוועל מיך טרייבן ווייטער.

און קערן זיך וועל איך אהיים,
די פרעמדע פרייד וועט טרייסט ניט ברענגען.
אין גרינעם אָוונט אין געהיים
וועל איך זיך אויף מיין ארבל הייגגען.

די גרויע ווערבעס אויף מיין טויט
די קעפ נאָך צארטער וועלן בויגן.
מ׳עט אומגעוואשן מיך ביים פלויט
צום וואָי פון הינט אין קבר לייגן.

לבנה שווימען וועט, ווי פרי׳ר,
אין אָזיערעס די וועסלעס זינקען,
און רוס וועט לעבן אויך אָן מיר,
באם פארקאן טאנצן, טרערן שלינגען.

ניט אומזיסט

ניט אומזיסט האָט ווינט געבלאָזן,
האָט געוויטערט ניט אומנישט.
מיינע אויגן אָנגעגאָסן
האָט א נסתר מיט שטיל ליכט.

מיט זיין גנאָד דעם פרילינגדיקן
האָב איך טרויערן אויפגעהערט
אויף א שיינער, נאָר ניט היגער,
אויף א רעטזלהאַפטער ערד.

דריקט ניט מילכוועג מיט זיין שטומען
און דער שטערן־פחד פעלט.
פלוצלינג האָב איך ליב באַקומען,
ווי א פּאַטער'ס הויז, די וועלט.

אַלץ אין איר איז הייליק, זעליק,
אַלדאָס אומרוהיקעס לייכט,
רויטער מאָן פון שקיעה קוועליק
פליעסקעט אויפן גלאָז פון טייך.

און אין קאָרענעם געווימל
היימיש, ווי מיט שטרוי אָרום,
לעקט דער אָפּגעקעלבטער הימל
ס'רויטע קעלבעלע די זון.

אין דעם לאַנד

אין דעם לאַנד, וואו רוהיק אַלע בלייבן,
גייען מיר איצט ביסלאַכווייז אוועק.
אפשר באַלד אויך איך וועל דאַרפן קלייבן
מיינע וויסטע בעבעכעס אין וועג.

איר בערעזע־וועלדער מיינע ליבע!
ערד און זאַמד פון אונטער מיינע טריט!
זע איך ווי מען פעקלט זיך אריבער,
שטיקן קאָן איך ניט מיין שווער געמיט.

צופיל ליב געהאַט האָב איך דעם חומר,
אַלץ, וואָס קליידט די זעל אין קערפּער אָן.
פריד צו די צעשפּרייטע ברעגן־בוימער,
וואָס פאַרקוקן זיך אין ראָזן תהום.

פיל רעיונות האָב איך דורכגעקלערט דאָ,
לידער האָב איך פיל צונויפגעשטעלט,
בין איך גליקלאַך אויף דער כמורנער ערד דאָ,
וואָס איך האָב געלעבט מיר אויף דער וועלט.

וואָס כ'האָב פרויען אויסגעקושט די גלידער
און געוואַלגערט זיך אויף גראָז און צווייט,
וואָס כ'האָב חיות, גלייך ווי קליינע ברידער,
איבערן קאָפּ געשלאָגן קיינמאָל ניט.

כ'ווייס, אַז ס'בליט ניט וואַלד אין לאַנד אין יענעם,
קאָרן קלינגט ניט מיט זיין שוואַנען־האַלדז,
אָט דערפאַר, אַז כ'זע אוועקגיין ווענען,
פיל איך, ווי עס ציטערט אין מיר אַלץ.

כ'ווייס, אַז דאָרט ווי איצט אין שקיעה־פייער,
וועט דאָס פעלד ניט גאָלדיקן זיך מער.
אָט דערפאַר מיר זיינען מענטשן טייער,
וואָס מיט מיר דאָ לעבן אויף דער ערד.

די קו

שוואך, אלע ציין אויסגעפאלן,
הערנער — מגילות פון טעג.
לעצטע אין סטאדע פון אלע,
ערשטע צום פאסטוכס געשלעג.

ס'האריץ איז דעם טומל ניט גערן,
מייזאלאך קראצן אין שטאל.
קלערט זי א טרויעריק קלערן
וועגן ווייספיסיקן קאלב.

מוטער פון קינד אפגעריסן,
פרייד איז געווען און — געפעלט.
אונטער א בוים האט געשמיסן
ווינט אויף א פלאקן א פעל.

באלד וועט מען זי, ווי איר ביקל,
נעמען פון גרעטשענער שטרוי,
שלייפן איר האלדז מיט א שטריקל,
פירן צום שעכטן אזוי.

דורשטיקע הערנער נאך רחמים
עקבערן וועלן די ערד . . .
ווייס־וואלד און גראזענע פלאכן
וועלן ניט דוכטן זיך מער.

צו אַ קליאָן

קליאָן דו בלעטלאָזער, קליאָן מיט אייז פֿאַרגלייזטער,
אין דער זאַווערוכע איינגעבויגן שטייסטו.

הערסטו אַזוי איין זיך? קוקסטו אויסצושפּירן?
דאַכט זיך, ביסט געגאַנגען הינטערן דאָרף שפּאַצירן

און, גלייך ווי אַ וועכטער — שיכורלאַך אַביסל,
אינם שניי פֿאַרזונקען, אָפּגעפֿרירט די פֿיס זיך.

אַך, די פֿיס אויך מיינע — גאָרניט וואָס געוועזן,
ניט דערגייען אַהיים שוין וועל איך אונטערן גלעזל.

דאָרט פֿאַר ווערבעס, סאָסנעס, ווי פֿאַר גוטע ברידער,
אינם שניי געזונגען האָב איך זומער־לידער.

ווי אַ קליאָן, אַליין זיך פֿאַרגעשטעלט אין זינען,
אָבער ניט אָן בלעטער, נאָר נאָך גאָר אַ גרינגעם.

און אַרומגענומען, ווי אָן אומפֿאַרשעמטער,
האָב איך אַ בערעזע, ווי אַ ווייב אַ פֿרעמדע.

מיינע לידער

מײַנע לידער — רעגן מיט אַ בויגן,
וואָלקנס בונט פֿון בלוטנדיקער זון.
רינען טרערן, לאָכן מײַנע אויגן,
בלוטיקט האַרץ, ווערט שיין מײַן ליד דערפֿון.

וואָלקנס ווײַנען און די טרערן שטראָמען
פֿול מיט זאַפֿט פֿון לעבן, ניט פֿון טויט.
מײַנע לידער — פֿרײלאַכע קבצנים,
מײַנע לידער — קידוש אויף אַ ברויט.

מײַנע לידער — שראַמען, ניט קיין וואונדן,
קאָרבן אויף אַ שפּילצײַג פֿון אַ קינד.
כ'האָב די וואונדן זיך אַליין פֿאַרבונדן
און געליטן שטומער פֿון אַ רינד.

שטעכט די מדבר־זון מיט הייסע הערנער
און דער קאַקטוס וואונדיקט — מיט אַ בלום.
מײַנע לידער — ניט דער קראַנץ פֿון דערנער,
נאָר די שײַן די הייליקע אַרום.

מײַנע לידער — אייגן מאַמע־לשון,
מײַנע לידער — פּאָסטקאַרטלאַך אַהיים,
קורץ און אָפֿן, היימיש, פּראָסט און פּשוט,
כאָטש אין מיר איז פּלאָנטער און געהיים.

כאָאָס איז אַליין דער גרויסער ליכטער
און די שטראַלן זײַנען לויטער, ריין.
מײַנע לידער זײַנען שיכור ניכטער,
מײַנע לידער זינגען אין געוויין.

אינהאַלט

טריאָלעטן

א הימן — 5
בליענדיקע יאָרן — 5
אַ זון מיט אַ רעגן — 6
די פרייד ווי די זון — 6
גוט און אומעטיק — 7
אַ פרייד איבער אַלין — 7
אַ וואָר — 8
איך ווייס — 8
אויך אין מיט פון לײדן — 9
דער בוים — 9
אין הילעניש — 10
האָפנונג — 10
פרילינג — 11
ס׳האָט זיך געלוינט — 11
ווי אַ קלוגע מוטער — 12
דער מאָרגן-שטערן — 12
אַז וואויל די קינדער — 13
אומדאַנקבאַרע — 13
אַ געבעט — 14
דיינקער — 14
צו די וויינער — 15
נאָך האָט זיך גאָט — 15
ווי דער אָסיען — 16
לערער — 16
ווייס — 17
אינטים — 17
חתן-כלה — 18
ניט קום נאָך — 18
באַהעפטונג — 19
אַריבער דעם טויט — 19
ניט פאַרשניטן — 20
ווערטער פון אַ ליד — 20
ליד איז ברויט — 21
ווי אַ פאַסטוך — 21
בלויז אין פרידן — 22
מיין תפילה-ליד — 22

איין גרויסע הויז

איין גרויסע הויז — 24
ווי צוויי וואָס אַטעמען מיט איין געמיט — 25
אַ וואונדער בין איך אויך — 26
רעד צו בוימער — 27
דער געטרייסטער וואַלד — 27
פאַר דעם אַליין — 28
פרייד — 29
דאָס ליד פון זונענשיין — 30
פאַרוואַנדלונג — 31
אין גאָרטן — 32
אָפּשייד — 33
פרידן — 34
שלאָף — 35
דער שמעטערלינג — 36
בנשיקה — 37
אַ וויסער זיידע — 38
רוהיק, רוהיק — 39
אין דער לינקער פאה — 40
גוטע ברידער — 41
אייז אויף בוימער — 42
ווינטער אין דאָרף — 43
קריהעס — 43
זון איבער אַלץ — 44
דערוואַכונג — 45
ווינטן שטיפן — 46
די דיונס ביינאַכט — 47
אויפן האָדסאָן — 48
דער שנעל-צוג — 49
שיקאַגאָ — 50

אויפן שוועל

אויפן שוועל — 52
ביים טויער — 53
צינזן — 54
מיט פאַרענטפערט — 55
ווי שאָף — 55
אויף כוואַליעס — 56
דער נזיר — 57
אין תפיסה פון דער פריי — 58
דאָס טעלערל פון הימל — 59
אויפגעטרייסלט — 60

באַרויבטע — — — — — — — — — — — — — 96
זוי אַ זעגל — — — — — — — — — — — — 97

אָרימע שבתים

שבת-קודש — — — — — — — — — — — — — 98
פרייטיק-צו-נאַכט — — — — — — — — — — — 99
אַ מילכיקער שבת — — — — — — — — — — — 100

פון סערגיי יעסענין

מיט רחבות — — — — — — — — — — — — 102
ניט אומזיסט — — — — — — — — — — — — 103
אין דעם לאַנד — — — — — — — — — — — — 104
די קו — — — — — — — — — — — — — — 105
צו אַ קליאָן — — — — — — — — — — — — 106

מיינע לידער

מיינע לידער — — — — — — — — — — — — 108

סאָנעטן

שאָטנדיק און בלענדיק — 62
לערנען ביי בוימער — 63
בלעטערפאַל — 64
אין טומאַן — 65
וויסן — 66
אין איינזאַמע אַרביטן — 67
פערציק — 68

נאָענט און ווייט

ווי צוויי בוימער — 70
ווי איז דאָס געוואָרן — 71
אָוונט — 72
פרייהייט און טרייהייט — 72
אַ גאַנצער — 73
אַ ראָב האָט אויסגעפּריט טויבן — 74
אַ פרעמדער — 74
מיט דיר אַליין — 75
דזשאָנגליש — 76
ווי אדם אין גן-עדן — 77
מיט אויגן און פינגער — 78
שטומער צער — 79
אויב . . . — 80
פון שיר-השירים — 81
די קריכפלאַנץ — 82

עשו

פרעליוד — 84
עשו׳ס געזאַנג — 85
עשו אין דער היים — 86
עשו אויף יאַגד — 87
אינטערליוד — 88
עשו פאַרביטערט — 89
עשו האָפט — 90
עפּילאָג — 90

צווישן ברידער

מיינע ברידער — 92
קריג-צייט — 93
צווישן ברידער — 93
זאַטקייט און הונגער — 94